# פרשת כי תבוא ט"ו – כ"א אלול תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת כי תבוא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **ישעי' בויער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

לפנות ערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **חיים אלטמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חנני' דוב בוכינגער** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

בשעות הערב נקבצו קהל המונים להשתתף אצל שמחת השבע ברכות רבתי של נכד **רבינו שליט"א, הרב יחזקאל שרגא שליט"א** שנערך על ידי קהלתינו הק' בהיכל בית מדרשנו הגדול לרגל השמחה הרוממה בחצר קדשינו. השמחה עברה ברוב פאר והדר ובמקהלות עם רב תלמידים וחסידים, שגדשו את היכל הבית המדרש.

בסעודת השבע ברכות השמיע המחותן **הגה"צ אבד"ק דראהביטש שליט"א** דברים ערבים בגודל רוממות שמחת בית צדיקים. אחר פרקי שירה וזמרה בנעימים על ידי מקהלת אברכי אנ"ש, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לכבוד שמחת חתן וכלה. עם סיום הדברות קודש נשמעו דברי בדחנות על ידי הר"ר **אלי' שווייצער** הי"ו.

אחר ברכת המזון רקד **רבינו שליט"א** ריקודים מיוחדים עם החתן והמחותנים למשך זמן, אחר כך עברו הקהל לקבל כוס של ברכה, ולברך ולהתברך לרגל השמחה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ברשות** דער חשוב'ער מחותן כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א, און אלע מחותנים, וויל איך קודם באגריסן און באדאנקען די אלע וואס זענען געקומען זיך משתתף זיין אין אונזער שמחה, סיי ביי די חתונה, און סיי ביי די שבע ברכות. דער באשעפער זאל געבן אז אין אלע ענקערע שטובער זאל שטענדיג זיין שמחות, מען זאל זיך אייביג קענען פרייען אינאיינעם.

**אודה** ה' מאד בפי, ובתוך רבים אהללנו, ביי יעדע שמחה, דארף א יוד ארויסברענגען זיין שבח והודאה פארן אייבערשטען, דאנקען דעם רבונו של עולם אויף אלע חסדים וואס דער אייבערשטער טוט מיטן מענטש, ובפרט ביי די שמחה וואס מען האלט.

**דער** חיוב הודאה וואס א יוד דארף דאנקען דעם אייבערשטען, איז דער שורש אין די פרשה די וואך, ביי די מצוה פון ביכורים. ווען מען איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, און מען האט איינגעזייט די פעלדער, און די ביימער זענען געוואקסן, האט מען געדארפט נעמען די ערשטע פרי וואס איז ארויסגעקומען, און כורך עליה גמי, דאס גייט מען ארויפטראגן פארן אייבערשטען, ביכורים פאר די כהנים. און ער האט געזאגט א גאנצע פרשה פון הודאה פארן אייבערשטען. מען רופט עס אן ווידוי, אבער דאס איז געווען אן הודאה. וענית ואמרת לפני ה' אלקיך, ווי דער פסוק זאגט, ער הייבט אן ארמי אובד אבי וירד מצרימה און אזוי ווייטער, ביז ער קומט צו, ועתה הנה הבאתי את ראשית פרי האדמה.

**די** תורה לערנט אונז, איינס, אז ווען עס קומט אויס צו דאנקען דעם אייבערשטען, דאנקט מען נישט דעם באשעפער נאר פאר די יעצטיגע טובה וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אים. ווען מען דאנקט, דארף מען אנהייבן פון די א'. מען דאנקט נישט אויף די פירות וואס איך ברענג יעצט, אז דאס יאר האט דער באשעפער מיר געשיקט א שפע אין מיין פעלד, און עס איז געוואקסן די פירות, און איך דאנק אויף דעם. נאר הייב אן צו דאנקען פון ווען דו ביסט נאך געווען אין מצרים, און דער באשעפער האט דיך ארויסגענומען פון מצרים. הייב אן צו דאנקען פון נאך פריער, פון ארמי אובד אבי, און אזוי זאלסטו צוקומען, איך דאנק דעם רבונו של עולם פאר אלעם וואס איך בין אדורכגעגאנגען ביז יעצט, און דער באשעפער האט מיר געהאלפן. איך בין געווען אין מצרים, איך האב נישט געטראכט וואס וועט זיין פון מיר און פון מיינע קינדער, ווי דער פריער'דיגער דור ביי אונז, וואס האבן נישט געטראכט אין דעם מצב וואס מען איז געווען אינעם היינטיגן מצרים, וואס וועט זיין שפעטער פון זייערע דורות. און דער אייבערשטער האט געהאלפן ב"ה, אז מען האט קינדער און אייניקלעך, און חשובע אייניקלעך, און זיי טוען ערליכע יודישע שידוכים, דארף מען דאנקן דעם אייבערשטען פאר דעם

גאנצען חסד, פונעם אנהייב אן, ביז מען איז צוגעקומען צו די שמחה.

**די** תורה זאגט, וענית ואמרת. עס איז נישט געגוג אז דו זאגסט. וענית, לשון הרמת קול, זאג עס הויעך. זאג עס נישט פארן אייבערשטען שטילערהייט, בינו לבין קונך. וענית ואמרת, שטעל דיך אויף ברבים, אודה ה' מאד בפי, ובתוך רבים אהללנו, דאס איז דער שורש דערפון, אז הודאה דארף זיין בקול רם פאר א רבים.

*

**איך** וואלט אבער געטראכט נאך א ענין, פארוואס די תורה האט דא געזאגט וענית ואמרת, בהרמת קול. יעצט צו די חתונה האט מען ארויסגעגעבן די תשובות פון מיינס א פעטער, דעם טאטע'נס ברודער דער **ויגד משה**. ער איז געווען א געוואלדיגער תלמיד חכם, די כתבי ידות זענען געלעגען אזויפיל יארן, ביז מען האט עס יעצט אנגעהויבן ארויסצוגעבן. צום סוף פון חלק ב' (סימן קסג), האט ער א תשובה, צו ביי ביכורים וואס מען ברענגט, איז גענוג אז ער זאל הערן ווי מען זאגט די פרשה פון ביכורים, און עס וועט ווערן גערעכנט כעונה. צען יודען קומען ארויף, און זיי ברענגען ביכורים, דארף נישט יעדער עקסטער זאגן די פרשה פון ביכורים, נאר איינער שטעלט זיך אויף, און זאגט הויעך די פרשה פון ביכורים, און יעדער איז יוצא, אלץ שומע כעונה. צו ער דארף זאגן די פרשה פון ביכורים מיטן מויל. ער האט אן אריכות דערויף אין די פרטים פון שומע כעונה, צו עס איז ממש כעונה, צו עס איז נאר אזוי ווי עונה.

**עס** קען זיין, אין **בית הלוי** על התורה פונעם **בריסקער רב**, איז דא צום סוף א שמועס אקעגן די מצוה פון נשיאת כפים, צו מען קען יוצא מיט שומע כעונה. אלע כהנים שטעלן זיך ארויף אויפן דוכן, און יעדער זאגט יברכך און אזוי ווייטער די גאנצע ברכה, צו א כהן קען זיך שטעלן דארטן אין דער זייט, און ער וועט נישט מיטזאגן צוזאמען, ער וועט אבער הערן ווי אזוי יענער זאגט, און ער וועט זאגן דעם חבר זיי מיך מוציא, צו ווערט עס גערעכנט ווי שומע כעונה. צו מוז יעדער כהן עקסטער דוכנ'ען, אדער איינער קען פארזאגן דאס גאנצע ברכת כהנים, און יעדער זאל יוצא זיין. - און מיר וועלן גיין מיט א שטאפעלע ווייטער. אז עס וואלט אזוי געווען, אז מען קען יוצא זיין אלץ שומע כעונה, וואלט אפילו א שטימער כהן אויך געדארפט דוכנ'ען, ווייל אפילו ער קען נישט ארויסזאגן די ווערטער אליין, אבער שומע כעונה, ער הערט דאך וואס מען זאגט, און אלץ שומע כעונה איז ער יוצא ברכת כהנים.

**טוט** אויף דער בית הלוי און ער זאגט, ניין. ברכת כהנים מוז מען דוכנ'ען אליין, און עס איז נישט דא דערויף קיין שומע כעונה. ווייל אזוי ווי ביי ברכת כהנים איז די הלכה אמור להם (במדבר ו-כג), בקול רם (שו"ע או"ח קכח-יד), מען דארף עס זאגן הויעך. שומע כעונה, ווערט גערעכנט ווי ער האט געזאגט, אבער ער זאגט עס שטיל, ער זאגט עס דאך נישט הויך. אפילו איך רעכן אז זיין שמיעה איז אן עניה, איז עס נאר כעונה, אבער עס איז א עונה וואס איז נישט בקול רם. און אז עס איז נישט קיין עונה בקול רם, קען מען נישט יוצא זיין ברכת כהנים, ווייל ברכת כהנים דארף זיין בקול רם.

**מען** ברענגט צו ענליך פונעם **ראגאטשוב'ער גאון** (בספרו **צפנת פענח** על הרמב"ם סוף ח"ג בהשמטות), אקעגן דעם וואס דער מנהג איז ביי די מגילה, אז די עשרת בני המן (אסתר ט-ז) זאגט יעדער עקסטער פאר זיך. ווייל אפילו מען איז יוצא די גאנצע מגילה מיט שומע כעונה, אבער אזוי ווי עס איז דא אן הלכה (שו"ע או"ח תרצ-טו) אז עס דארף זיין בנשימה אחת. דער חלק פון נשימה אחת, קען ער נישט איבערנעמען פון א צווייטן. קומט אויס אז ברכת כהנים איז מען נישט יוצא מיט שומע כעונה, ווייל עס דארף זיין בקול רם.

**ביכורים** שטייט אויך אין פסוק וענית ואמרת, וענית איז בקול רם. א מענטש וועט זאגן, איך וועל ברענגען ביכורים, אבער איך וועל עס נישט זאגן אליין, איינער וועט פארזאגן ווידוי ביכורים, און איך וועל מיט דעם יוצא זיין. זאגט די תורה, ניין, וענית ואמרת, לשון הרמת קול, דו דארפסט עס זאגן אליין הויעך, און נישט יוצא זיין מיט שומע כעונה.

**וועט** מען דאך פרעגן, הא גופא קשיא, פארוואס טאקע. אויב עס איז שומע כעונה, איך האב דאך מברך געווען דעם אייבערשטען, פארוואס פעלט אויס די הרמת קול דערויף. מען ווייסט אז ביי תפלה האבן די חכמים מתקן געווען, אז נאכדעם

וואס יעדער האט שוין געדאוונט פאר זיך, זאגט מען א הויכע שמונה עשרה, מוציא צו זיין דעם וואס קען נישט דאווענען, אז ער זאל יוצא זיין מיט דעם וואס ער האט געהערט. ווען עס קומט צו מודים, איז דא מודים דרבנן. בשעת דער שליח ציבור זאגט זיין מודים, זאגט דער ציבור עקסטער א מודים פאר זיך אליין. און מען דארף פארשטיין, אויב די גאנצע שמונה עשרה האט מען יוצא געווען פונעם שליח ציבור אלץ שומע כעונה, פארוואס מודים זאגט יעדער אליין. שטייט אין די ראשונים, אז הודאה קען מען נישט דאנקן דעם אייבערשטען מיט דעם וואס יענער זאגט. הודאה דארף קומען פון דיין הארץ! דו אליין דארפסט עס זאגן! גאנץ שמונה עשרה קענסטו יוצא זיין. איך האב געהערט אתה חונן, השיבנו, האב איך יוצא געווען. מודים אנחנו לך, דאנקען דעם אייבערשטען, איז מען נישט יוצא מיט דעם וואס דער שליח ציבור זאגט, און דו ביסט יוצא מיט אים. הודאה דארף קומען פון יעדן מענטש פאר זיך. וענית ואמרת, עס דארף זיין מיט א הרמת קול, קענסט נישט יוצא זיין די הודאה מיט א צווייטן. א יוד דארף שטענדיג אפגעבן א שבח והודאה פארן אייבערשטען, אויף יעדן דבר טוב וואס מאכט זיך אים, דארף ער דאנקן דעם באשעפער דערויף, מיט אן הרמת קול. זאגן הויעך פארן באשעפער, איך דאנק דיר אויף וואס דו האסט מיר געטון.

**און** מען הייבט נישט אן צו דאנקען פון וואס עס האט יעצט פאסירט. מען הייבט אן צו דאנקן אויף די גאנצע זאך. ער האט א ביזנעס, א רייכע ביזנעס, וואס עס ברענגט אים געלט, און יעצט האט ער געמאכט א שיינעם די״ל, ער האט פארדינט א שיינע מטבע דערויף, איז דער סדר מען דאנקט דעם אייבערשטען, אז דער די״ל איז ב״ה אדורכגעגאנגען, און איך האב פארדינט דערויף כך וכך. נישט אזוי דאנקט מען דעם אייבערשטען. נאר רבונו של עולם איך דאנק דיר, אז דו האסט מיר געגעבן די ביזנעס, איך האב ב״ה א געשעפט וואס איך האב עס ארויפגעברענגט, און די ווערד דערפון איז היינט אזויפיל און אזויפיל, און דו האסט מיר יעצט צוגעגעבן דערצו נאך א שטיקל. אזוי דארף זיין די הודאה. איך דאנק דעם אייבערשטען אויף ארמי אובד אבי, ויוציאנו ה׳ ממצרים, ועתה הנה הבאתי את ראשית פרי האדמה, איך דאנק דיר יעצט פאר די פרי אדמה.

**ווען** א מענטש קומט געבן א שבח והודאה פארן אייבערשטען, דאנקט ער נישט נאר אויף די חסד פון די חתונה, ער דאנקט דעם אייבערשטען אז ער האט אים געגעבן, אז ער האט אליין געקענט אויפשטעלן דורות, און ער האט קינדער, און ער האט גראטענע קינדער, און וואוילע קינדער, ער טוט ב״ה א שיינעם היימישן שידוך, אזוי ברענגט מען ארויס די הודאה פארן באשעפער.

*

**מען** וואונטשט אן, שמח תשמח רעים האהובים, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם. דער באשעפער זאל משמח זיין די רעים האהובים, אזוי ווי דער אייבערשטער האט משמח געווען בגן עדן מקדם. רש״י (כתובות ח.) טייטשט, אז כשמחך יצירך גייט ארויף אויף אדם הראשון. וואס דער אייבערשטער האט אים משמח געווען, ווען ער איז געווען בגן עדן מקדם. מען האט אים שפעטער אוועקגעשיקט פונעם גן עדן, אבער די שמחה וואס ער האט געהאט, ווען דער אייבערשטער האט געברענגט חוה צו אדם הראשון, אזוי זאל דער אייבערשטער משמח זיין די רעים האהובים, אזוי ווי יענע שמחה.

**עס** קען אפשר זיין, אז עס ליגט נאך א ענין אין די נוסח פון די ברכה. די גמרא (סוטה ב.) ברענגט צו צוויי מימרות. איינס, אין מזווגין לו לאדם אשה, אלא לפי מעשיו. א שידוך טוט דער אייבערשטער מזווג זיין פאר יעדן איינעם לויט זיינע מעשים, שנאמר (תהלים קכה-ג) כי לא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים, דער באשעפער וועט נישט צוזאמשטעלן א רשע מיט א צדיק, דער אייבערשטער וועט צוזאמשטעלן לפי מעשיו, א צדיק מיט א צדקנית, און א רשע מיט א מרשעת.

**פרעגט** די גמרא, עס איז נישט אזוי, מען האט דאך געלערנט, אז אלעס האט מען שוין צוזאמגעשטעלט פון פריער. ארבעים יום קודם יצירת הולד, רופט מען שוין אויס בת פלוני לפלוני, און דעמאלטס האט מען נאך נישט געוואוסט די מעשים פונעם מענטש, עס איז דאך דא א בחירה. ווי אזוי איז שייך צו זאגן אז מען האט צוזאמגעשטעלט א שידוך פון פריער. זאגט די גמרא, הא בזווג ראשון, הא בזווג שני. עברי מיט טייטש לערנט מען, זווג ראשון איז טייטש די ערשטע מאל ווען מען האט חתונה, דאס האט מען

אויסגערופן אויבן ארבעים יום קודם יצירת הולד. אז עס מאכט זיך אז עס דארף זיין א זיווג שני, דאס איז שוין לפי מעשיו, און אויף דעם איז נישט געווען קיין הכרזה אויבן אין הימל, נאר יעדער איינער לויט זיינע מעשים, טוט מען אים צושיקן זיין צווייטן זיווג.

**דער** הייליגער **חתם סופר** אין די תשובות (ח"ז סימן ל"ד) ברענגט צו א פשט, ער שרייבט דעם לשון, כמדומה אז עס איז פונעם אר"י הק', אז זיווג ראשון און זיווג שני האט אן אנדערן טייטש. ווען דער אייבערשטער טוט צוזאמשטעלן ארבעים יום קודם יצירת הולד, בת פלוני לפלוני, טוט דער אייבערשטער צוזאמשטעלן א שידוך וואס איינער איז צוגעפאסט פארן אנדערן. דער באשעפער קען די שורש פון דעם נפש, און די שורש פון דעם נפש, ער קען די מידות, ער קען די טבעיות פון ביידע, און דער באשעפער שטעלט צוזאם א שידוך, וואס איז צוגעפאסט פאר יענעם. לא טוב היות אדם לבדו, אעשה לו עזר כנגדו (בראשית ב-יח), און דער שידוך איז אן אויסגעצייכנטע שידוך. דער באשעפער האט עס צוזאמגעשטעלט, דער באשעפער ווייסט קלאר וואס עס דארף זיין איינער מיטן צווייטן.

**ווען** מען קומט אראפ אויף די וועלט, איז דאך דא א בחירה ווי אזוי מען פירט זיך אויף, איז דאך אמאל טוישט מען זיך פון וואס מען איז געווען. בשעת מען האט גוזר געווען בת פלוני לפלוני, זענען ביידע געווען הייליגע נשמות, הייליגע צדיקים, און עס וואלט געקענט זיין א פאסיגע שידוך איינער פארן אנדערן, און אזוי ווי עס איז דא די בחירה אינעם מענטש, האט זיך עס אויסגעשטעלט, אז דער חתן איז אויסגעוואקסן א צדיק, און די כלה האט זיך אביסל אראפגעגליטשט, און עס איז נישט קיין פאסיגער שידוך איינס פארן אנדערן. מען קען נישט צוזאמשטעלן דעם שידוך וואס איז געווען פון אנהייב. און אמאל איז פארקערט, די כלה איז געבליבן א צדיקת און דער חתן איז נישט ווי עס דארף צו זיין, און מען קען נישט צוזאמשטעלן דעם פריערדיגן שידוך, לא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים, מוז מען דעמאלטס צוזאמשטעלן א זיווג שני, א צווייטן זיווג, און דער צווייטער זיווג איז לפי מעשיו, דא שטעלט מען שוין צוזאם, לויט ווי אזוי דער פירט זיך, און יענער פירט זיך.

**ווען** די גמרא פרעגט די קשיא, אז ארבעים יום קודם יצירת הולד רופט מען אויס בת פלוני לפלוני, און נאכדעם זאגט די גמרא, אין מזווגין לו לאדם אשה אלא לפי מעשיו, זאגט ער, כאן בזיווג ראשון, דער ערשטער זיווג ווי אזוי עס ווערט אויסגעשטעלט פונעם הימל, דאס האט מען אויסגערופן ארבעים יום קודם יצירת הולד, בת פלוני לפלוני, דאס איז נישט לפי מעשיו. דאס האט דער אייבערשטער אויסגעשטעלט, אזוי ווי דער אייבערשטער ווייסט קלאר די מציאות פון ביידע. דאס וואס אין מזווגין לו לאדם אשה אלא לפי מעשיו, איז שפעטער, טאמער מען האט נישט זוכה געווען אז דער זיווג ראשון זאל קענען אנקומען, און עס דארף זיין א זיווג שני, מען האט געדארפט נאכאמאל צוזאמשטעלן א זיווג פאר די צוויי, דאס איז שוין לפי מעשיו. אזוי ברענגט צו דער חתם סופר פונעם אר"י הק'.

**דער** הייליגער **חתם סופר** שרייבט דארט, אז ווען מען וועט אויפשטיין תחיית המתים, וועט דאך יעדער אויפשטיין תחיית המתים מיט זיין זיווג. זאגט ער, עס איז יתכן, אז אויב דער ערשטער זיווג וואס דער אייבערשטער האט צוזאמגעשטעלט האט זיך נישט אויסגעשטעלט, זיי האבן זיך נישט צוגעפאסט, און מען האט געדארפט האבן א זיווג שני, אבער לעתיד וועלן דאך אלע נשמות זיין ריין אזוי ווי תחילת היצירה, וועט ער אויפשטיין תחיית המתים מיט דעם זיווג וואס מען האט אים צוגעשטעלט מעיקרא, און נישט מיט דעם זיווג מיט וואס ער האט געלעבט. אזוי שרייבט דער הייליגער חתם סופר.

**על** כל פנים, עס איז דא צוויי ערליי זיווגים, עס איז דא א זיווג וואס דער אייבערשטער האט צוגעשטעלט פון קודם יצירת הולד. און אויב ביידע האבן זיך נישט אויפגעפירט אז זיי זאלן זיין ראוי איינער פארן אנדערן, טוט מען שפעטער צוזאמשטעלן א זיווג לפי מעשיו.

**וואס** איז דער חילוק פון די צוויי זיווגים, צו מען האט עס פריער צוזאמגעשטעלט, צו מען האט עס שפעטער צוזאמגעשטעלט. איך מיין אז עס איז א גרויסע חילוק. אז מען איז זוכה צו דעם זיווג וואס דער אייבערשטער האט מעיקרא צוזאמגעשטעלט איינער מיטן צווייטן, איז דאך געווען דערויף א בת קול, א קול פונעם אייבערשטען בת פלוני לפלוני,

דער איז פאר יענעם. מאתו לא תצא הרעות, עס איז נישט מעגליך אז פון א דיבור פונעם אייבערשטען, פון א זיווג וואס דער רבונו של עולם האט צוזאמגעשטעלט, אז עס זאל עפעס נישט קלאפן אין דעם זיווג, עס זאל זיין א רעה ח"ו אין דעם זיווג, עס איז נישט מעגליך. דער אייבערשטער שטעלט נישט צוזאם א זאך וואס איז שלעכט, מאתו לא תצא הרעות. און טאמער מען איז זוכה צו דעם זיווג וואס מען האט אנגעשריבן פון פאר דעם, דאס איז א שטוב פון אהבה ואחוה ושלום וריעות. דער אייבערשטער האט צוזאמגעשטעלט איין האלב מענטש, מיטן צווייטן האלב מענטש, עס איז איין מענטש, ביידע קומען זיי אויף איין דיעה, און ביידע לעבן זיי צוזאמען גוט, ווייל דאס האט דער אייבערשטער אויסגערופן.

**טאמער** אבער, עס האט זיך נישט אויסגעשטעלט דער זיווג וואס מען האט אויסגערופן דעמאלטס, זיי האבן שוין נישט געפאסט איינער צום צווייטן, און מען האט געמוזט אויפשטעלן יעצט א נייעם זיווג, דא איז שוין נישט געווען קיין בת קול, דא איז דאך נאר מזווגין לו לאדם לפי מעשיו, איז שוין נישט דא די ברכה וואס עס זאל זיין אהבה ואחוה ושלום וריעות, וואס קומט נאטורליך ווען דער אייבערשטער טוט עס מזווג זיין, דאס איז שוין נישט דא. און אויף דעם דארף מען מתפלל זיין. אמאל געלונגט עס, און אמאל געלונגט עס נישט. אמאל איז מען זוכה, אמאל איז מען נישט זוכה. עס איז דאך שוין לפי מעשיו, עס איז נישט געווען א הכרזה דערויף, וואס מען האט אויסגערופן אויבן אין הימל.

**זאגט** מען שמח תשמח רעים האהובים, מען ווייסט דאך נישט ווי אזוי דער זיווג איז. צו דאס איז זיווג ראשון, וואס מען האט אויסגערופן אין אנהייב, צו דאס איז דער זיווג וואס מען האט שפעטער צוזאמגעשטעלט. בעהט מען שמח תשמח רעים האהובים, דער באשעפער זאל זיי משמח זיין, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם, אזוי ווי דער זיווג וואס דער אייבערשטער האט משמח געווען מקדם, בעפאר דו ביסט נאך אראפגעקומען אויף די וועלט, האט דער אייבערשטער אויסגעשטעלט פאר דיר א זיווג, און יענער זיווג איז דאך זיכער געווען מיט א געוואלדיגע שמחה. שמח תשמח רעים האהובים, דער באשעפער זאל משמח זיין די רעים האהובים, אז אפילו עס האט זיך נישט אויסגעשטעלט אז עס איז געווען יענער זיווג, זאל עס זיין כשמחך יצירך בגן עדן, עס זאל זיין די זעלבע שמחה ווי עס וואלט געווען פון דעם שידוך וואס מען האט צוזאמגעשטעלט פון פריער.

**אונזער** חשובער חתן מיט די חשובע כלה, דאס איז בנינו כנטיעים מגודלים בנעוריהם, וואס פון די יוגענט אן האבן זיי זיך אויפגעפירט שיין, געוואקסן ערליך, סיי דער חתן וואס איך קען אים דא פון די שטוב, און סיי די כלה וואס שמה הטוב הולכת לפניה. עס איז ביי מיר נישט קיין ספק, אז דאס איז זיווג ראשון, עס האט זיך גארנישט געטוישט פון ווען מען האט עס אויסגערופן אויבן אין הימל. און אז עס איז מיט אן הכרזה פון אויבן אין הימל, קען מען זיך פארלאזן אז דער אייבערשטער ווייסט וואס ער טוט. און אז ער שטעלט צוזאם דעם זיווג, איז דאס א זיווג וואס איז דא אהבה ואחוה ושלום וריעות.

*

**עס** איז דא אין די גמרא נאך א פאל, ווי עס געשעהט נישט דער שידוך וואס מען האט אויסגערופן מעיקרא. עס שטייט אין די גמרא (מועד קטן יח:), אז כאטש חול המועד מאכט מען נישט קיין חתונות, אין מערבין שמחה בשמחה, אבער מותר לאדם לארס אשה בחולו של מועד, א שידוך קען מען מאכן אין חול המועד אויך, מען לאזט עס נישט אז מען זאל ווארטן ביז נאך חול המועד, שמא יקדמנו אחר, אפשר וועט עס א צווייטער מקדים זיין, ער וועט אויסכאפן דעם שידוך. פרעגט די גמרא, וואס איז טייטש אויסכאפן א שידוך, מען האט דאך אויסגערופן בת פלוני לפלוני. זאגט די גמרא, יא, שמא יקדמנו אחר ברחמים, עס קען זיין יענער וועט בעטן אויף דעם שידוך, און ברחמים קען ער צונעמען דעם שידוך פונעם חבר. ממילא שטופט מען נישט אפ א שידוך. אז דער שידוך איז גרייט, מאכט מען א שידוך אין חול המועד, אז א צווייטער זאל נישט מקדים זיין ברחמים.

- בעפאר אונז גיי מיר ווייטער, עס איז דאך חודש אלול און חודש תשרי, טעג וואס יודען זענען מתפלל, זאל מען זעהן די געוואלדיגע כח וואס תפלה האט. תפלה קען נעמען א בת קול, וואס מען האט אויסגערופן מעיקרא בת פלוני לפלוני, דער אייבערשטער האט צוזאמגעשטעלט א שידוך, און פון דעסטוועגן דאך האט א מענטש א כח מיט זיין

תפלה, ברחמים, ער קען משנה זיין סדרי שמים! מען דארף פשוט וויסן דעם געוואלדיגן כח וואס מען האט, וואס תפלה קען אויפטון.

**איך וויל ארויסברענגען א נקודה, וויסן ווי אזוי מען דארף מתפלל זיין פאר א שידוך.** די גמרא זאגט דארט, אז רבא האט אמאל געזעהן ווי איינער האט מתפלל געווען פאר א שידוך, ער האט געוואלט א געוויסן שידוך, און ער האט געבעטן דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל אים מזמין זיין די און די אשה פאר א שידוך. האט רבא אים געזאגט, מען איז נישט אזוי מתפלל, דוקא אויף א ספעציעלע זיווג, אז דאס וויל איך. אויב עס איז דיר אנגעשריבן פון פריער, וועסטו עס ממילא האבן, און אז נישט, וועסטו דאך אויסכאפן א צווייטענ'ס שידוך, וועסטו נישט האבן קיין נחת מיט איר, דו וועסט חרטה האבן שפעטער אויף דעם וואס דו האסט געטון דעם שידוך. - דאס איז טייטש, אז ווען מען איז מקדים א צווייטן שידוך ברחמים, א זאך וואס איז נישט געווען אנגעשריבן פון אויבן, מען קען טאקע פועל'ן, רחמים העלפט אויף אלעם, אבער עס איז נישט דא די צופרידנהייט שפעטער, וואס ער האט געמיינט מעיקרא, אז ער וועט האבן.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (פרשת חיי שרה צו.), ברענגט צו, אז ער האט געהערט פון זיין רבי'ן, [נישט רבי נתן אדלער, נאר פון א פריער'דיגער רבין ביי וועם ער האט געלערנט. ער ברענגט נישט זיין נאמען, אבער לויט די יארן איז עס נישט געווען רבי נתן אדלער (עיין בהגהות שער יוסף שם)]. די גמרא (ברכות ח.) זאגט, אז מען פלעגט צו פרעגן א חתן, מצא אדער מוצא. איינמאל שטייט אין פסוק (משלי יח-כב) מצא אשה מצא טוב, און איין מאל שטייט אין פסוק (קהלת ז-כו) ומוצא אני מר ממות את האשה. איינמאל זאגט מען, אז עס איז טוב, און איינמאל זאגט מען, אז עס איז מר ממות. האט מען געפרעגט דעם חתן, מצא אדער מוצא.

**האט** דער חתם סופר געזאגט, אז ער האט געהערט פון זיין רבי'ן, אז עס איז דא צוויי ערליי שידוכים. עס איז דא א שידוך וואס מען האט אנגעטראפן דעם שידוך וואס מען האט אים צוגעשריבן אויבן מן השמים ארבעים יום קודם יצירת הולד, דאס איז מצא, ער טרעפט א מציאה, וואס מען האט שוין געהאט צוגעגרייט. ער האט פארלוירן די אבידה, און ער טרעפט עס. מצא טוב, דער האט געטראפן גוט. טאמער אבער ער בעט אויס א שידוך ברחמים, ער וויל האבן די און די שידוך, ומוצא אני, ער איז דער וואס האט עס מוצא געווען, אזא שידוך איז מר ממות, עס וועט זיך נישט אויסלאזן גוט. וואס עס איז מצא, דו האסט געטראפן וואס מען האט אויסגערופן פון אויבן, דאס איז מצא טוב, אבער ומוצא אני, טאמער דו ביסט דער וואס איז מוצא, דאס איז מר ממות.

**קומט** אויס אז עס איז דא א שידוך וואס א מענטש קען אמאל אויסבעטן, און מען טאר נישט אזוי מתפלל זיין. ווען עס קומט צו בעטן אויף שידוכים, און אסאך מאל טראגט מען אן זייער א גוטן שידוך, און ער וויל זייער דעם שידוך, יענע צד איז נאך נישט מסכים, און ער איז מתפלל תפלות, רבונו של עולם איך וויל דעם שידוך, און געב אריין אין די הארץ פון יענעם, אז זיי זאלן מסכים זיין צו דעם שידוך. און ער פועל'ט אויס, זיין תפלה האט געהאלפן, און מען שיקט אים צו א שידוך. אבער דער שידוך איז אים נישט געווען צוגעשריבן מן השמים, איז ער גארנישט גליקליך שפעטער מיט דעם שידוך. דאס האט מען נישט צוגעשריבן פאר דיר, דאס איז נישט געווען פאר דיר, דו האסט גע'פועל'ט ברחמים א שידוך וואס איז נישט פאר דיר.

**ווען** עס קומט צו א שידוך, דארף א יוד מתפלל זיין, מען האט אויסגערופן אויבן בת פלוני לפלוני, דער באשעפער זאל מיר געבן, איך זאל אנטרעפן דעם שידוך וואס מען האט מיר צוגעשריבן. איך ווייס נישט ווער דאס איז, אבער דער רבונו של עולם ווייסט, און אויף דעם בין איך מתפלל. איי אז מען האט אנגעשריבן, דארף ער דאך נישט מתפלל זיין. איך בין מתפלל עס זאל מיר אנקומען גרינג, עס זאל נישט אנקומען מיט קיין שוועריקייטן, עס זאל נישט נעמען לאנג, עס קען דאך אמאל נעמען וואכן און חדשים ביז א שידוך ענדיגט זיך, און עס קען זיך ענדיגן שנעלער. די תפלות דארפן זיין, נישט אויף א געוויסען שידוך, אז דעם שידוך וויל איך. ווייל טאמער מען נעמט א שידוך וואס איז נישט אנגעשריבן פאר אים, זאגט די גמרא, אז דער סוף וועט זיין כופרת בה, דו וועסט חרטה האבן אויף דעם וואס דו האסט געטון.

**עס דארף נישט ווי-טון א מענטש אויף א שידוך וואס ווערט נישט. ער גייט ארום מיט תרעומות, מען האט מיר אפגעזאגט א שידוך, מען האט מיר אזוי און אזוי געטון. מען זאגט נישט אפ קיין שידוך, מען איז נישט מבטל קיין שידוכים. א שידוך וואס מען האט מבטל געווען, איז עס נישט געווען אנגעשריבן פאר דיר, און דאנק פאר יענעם אז דער שידוך איז נישט געווארן! ער האט דיר נישט געטון קיין עוולה, ער האט דיר געטון א טובה! און דער שידוך וואס דארף ווערן, קען דיר קיינער נישט אוועקנעמען! א מענטש דארף וויסן, ווי אזוי מען דארף מתפלל זיין ביי א שידוך, דער באשעפער זאל אים שיקן וואס עס איז ריכטיג. נישט מאכן קיין שברי לב פון א שידוך וואס גייט נישט, ווייל עס איז נישט מן השמים, עס איז בעסער אז עס ווערט נישט. וואס עס ווערט, דארף מען מתפלל זיין, דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין גוט. אבער אויף וואס עס ווערט נישט, אויף דעם דארף מען נישט מתפלל זיין, ב"ה אז עס איז נישט געווארן.**

*

**עס** איז אבער דא אין דעם נאך א נקודה אויך. מען רופט אויס ביי א שידוך, נישט נאר בת פלוני לפלוני, נאר ארבעים יום קודם יצרת הולד רופט מען אויך אויס, שדה פלוני לפלוני. ער קומט אויף דער וועלט, און מען האט דאך אויסגערופן צו ער וועט זיין א עני אבער אן עושר. אז דו ווערסט זיין א עושר, דארפסטו דאך האבן שדות. רופט מען אויס, די שדה, די בילדינ"ג, די געשעפט, דאס וועט געהערן פאר דיר. שדה פלוני לפלוני, פאר יעדן איז אנגעשריבן וואס ער דארף צו האבן אין ביזנעס, וואס עס דארף אנקומען פאר אים.

**און** אז די גמרא זאגט, אז ביי א שידוך איז דא שמא יקדמנו אחר ברחמים, איז מסתבר אז ביי שדה פלוני לפלוני, איז אויך דא שמא יקדמנו אחר ברחמים. עס איז אנגעשריבן פאר דעם צו באקומען די און די בילדינ"ג, און דער חבר האט געבעטן רחמים, אז ער וויל דאס האבן, און ער האט עס אויסגעכאפט פון יענעם, אזוי ווי ביי א זיווג האט ער צוגענומען יענעם'ס זיווג, קען מען אויך צונעמען דעם שדה פלוני לפלוני.

**מען** דארף אבער געדענקען, אז אזוי ווי ביי א זיווג, זאגט די גמרא, אז וואס מען האט צוגענומען פון יענעם, זעהט מען נישט דערויף קיין סימן ברכה. די זעלבע ווען מען נעמט צו פון יענעם, אז מען האט מתפלל געווען און געבעטן דעם אייבערשטען דערויף, איך וויל האבן דוקא די און די זאך, דער אייבערשטער זאל עס אים צושיקן, און דאס איז נישט געווען צוגעשריבן פאר אים, ער האט עס נאר אויסגעג'פועל'ט ברחמים, וועט ער נאכדעם נישט זעהן דערפון קיין גרויס נחת.

**וויפיל מאל איז דא געשעפטן וואס מען מיינט, מען וועט זיין גליקליך, און צום סוף האט עס אים באגראבן דער געשעפט! עס האט אים צוגענומען אפילו וואס ער האט געהאט פאר דעם. א יוד דארף מתפלל זיין צום אייבערשטען, עס איז מיר אנגעשריבן אלעס וואס איך דארף האבן. וואס עס איז מיר אנגעשריבן, זאלסטו מיר צושיקן גרינגערהייט, און עס זאל זיין אן עגמת נפש, און איך זאל עס גרינגערהייט אדורכגיין. אבער נישט מתפלל זיין אויף א געוויסע זאך, אז דאס זאל זיין.**

*

**די** גמרא (פסחים מט.) זאגט, לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו, וישא בת תלמיד חכם. א מענטש זאל פארקויפן אלעס וואס ער האט, און נעמען א טאכטער פון א תלמיד חכם. מען ווייסט אז ביי יעדע מצוה, איז דא א שיעור וויפיל געלט א מענטש דארף אויסגעבן דערויף. א מענטש דארף קויפן א אתרוג, ער איז נישט מחויב אוועקצוגעבן זיין גאנץ פארמעגן פאר אן אתרוג, נאר ביז א חומש מנכסיו איז ער מחויב אוועקצוגעבן (שו"ע או"ח סימן תרנו). איז דאך פאר א שידוך, איז מען אויך נישט מחויב אוועקצוגעבן מער ווי א חומש מנכסיו, יעדע מצוה איז מען נישט מחויב צו געבן מער ווי א פינפ'טל, און כל שכן ווען ער קען טון א פשוטן שידוך, און פארן נעמען א שידוך א בת תלמיד חכם, וועט עס אים קאסטן מער, איז ער נישט מחויב צו געבן מער ווי א שליש. אזוי זאגט די גמרא (בבא קמא ט:), הידור מצוה איז ביז א שליש, דער דיפערענץ פון די מצוה אן א הידור, און די מצוה מיט א הידור. פארוואס זאגט מען דא, לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו, פארקויף אלעס, געב אוועק דיין לעצטע פרוטה, און נעם א טאכטער פון א תלמיד חכם. עס איז דאך געזאגט געווארן פאר יעדן איינעם, ווען עס קומט צו א שידוך, ווי ווייט מען דארף אכט געבן, מיט וואס פאר

א שטוב מען איז זיך משדך. כדי צו נעמען א בת תלמיד חכם, זאגט די גמרא, קוק נישט אויף גארנישט, געב אוועק אלעס וואס דו האסט, אז דו זאלסט נעמען א טאכטער, וואס איז ערצויגן געווארן אין א שטוב פון א תלמיד חכם.

**נאר** דער פשט דערפון איז. פאר א מצוה איז דא א סכום וויפיל מען איז מחויב אוועקצוגעבן. אבער פאר עניני גשמיים, איז נישט דא קיין שיעור וויפיל א מענטש מעג אויסגעבן דערויף, און וויפיל נישט. עס איז נישט דא קיין הלכה וויפיל א פרישטיג מעג אים קאסטן, צו ער מעג אוועקגעבן זיין האלבע געלט, אדער זיין גאנצע געלט דערויף, דו מעגסט טון מיט דיין געלט וואס דו ווילסט, וואס עס איז פאר דיין צורך. וואס עס איז זיינע צרכים, מעג א מענטש אויסגעבן אלעס. ער מעג קויפן א הויז, מען זאגט נישט נאר ביז א פינפ'טל פון דיין פארמעגן מעגסטו קויפן. ער מעג אוועקגעבן זיין גאנצע געלט צו קויפן א הויז, און אפילו נעמען א מארגיט"ש דערויף, און בלייבן א בעל חוב, מען מעג. די תורה האט נישט גע'אסר'ט. און כל שכן ווען עס קומט צום געזונט פונעם מענטש, איז נישט דא קיין שיעור וויפיל געלט ער מעג געבן פאר א דאקטער זיך צו היילן. כל אשר לו, יתן בעד נפשו (איוב ב-ד), עס האט נישט קיין שיעור. די תורה האט געזאגט, פאר מצות ה' בין איך דיך נישט מחייב צו געבן נאר א חומש, אבער וואס עס איז נוגע פארן באקוועמליכקייט פונעם מענטש, פאר זיין רואיגן לעבן, פאר זיין געזונט, קענסטו אויסגעבן וויפיל געלט דו ווילסט. דאס האט די תורה מתיר געווען.

**נעמען** א בת תלמיד חכם, איז נישט א הידור אין די מצוה פון נישואין, און זאגן עס איז דא א געוויסע סומע וויפיל א מענטש מעג אויסגעבן דערפאר, און וואס ער טאר נישט אויסגעבן. די גמרא (פסחים מט:) זאגט, אז ווען איינער נעמט זיין טאכטער, און ער מאכט איר חתונה צו אן עם הארץ, איז כאילו כפתה לפני הארי, כאילו ער האט גענומען זיין טאכטער, און ער האט איר געבינדן פאר א לייב, וואס א ארי איז דורס ואוכל ואין לו בושת פנים. ווען דער ארי וויל איינעם אויפעסן, גיט ער א טרעט אויף אים, און ער עסט אים, און ער שעמט זיך אפילו גארנישט מיט וואס ער האט געטון. אזוי רופט אן די גמרא אן עם הארץ. קומט אויס, אז א טאכטער וואס ווערט ערצויגן אין א שטוב פון אן עם הארץ, ווערט ערצויגן אין א שטוב פון א חיה רעה, פון אן ארי וואס איז דורס ואוכל ואין לו בושת פנים. וואס פאר א שידוך האט ער שוין געטון מסתם דער עם הארץ, מיט א צווייטן בת עם הארץ. אויף א צווייטן בת עם הארץ זאגט די גמרא (שם), אז עס איז דומה כאילו שוכב עם בהמה. ער איז דער ארי, און זי איז די בהמה, אין די שטוב איז נתגדל געווארן א בת עם הארץ. און וואס האט זיך די טאכטער שוין געקענט לערנען ביי די עלטערן אין שטוב, ווען מען האט א טאטען וואס איז אין לו בושת פנים, מען שעמט זיך גארנישט, און ווען ער וויל עפעס עסן, איז ער דורס, האקט ער אן יענעם, און ער טוט וואס ער וויל, דאס האט זי געזעהן ביי איר פאטער. די מוטער איז א פשוטע בהמה, השוכב עם בהמה, וואס קען מען שוין ערווארטן, וואס פאר א שטוב קען אויפשטעלן א בת עם הארץ.

**לעולם** ימכור אדם כל מה שיש לו, וישא בת תלמיד חכם. עס איז נישט דא קיין געלט וואס קען דאס באצאלן. אז דו ווילסט חתונה האבן, און דו ווילסט האבן א רואיג לעבן. דו ווילסט האבן א לעבן פון שלום בית. אן איידל לעבן, ווי איינער זאל זיך פארשטיין מיטן צווייטן, און איינער זאל געבן כבוד פארן צווייטן. אז דו וועסט נעמען א בת עם הארץ, וואס זי איז ערצויגן געווארן ביי א טאטען אן ארי, און ביי א מאמע א בהמה, וועסטו קיין לעבן נישט האבן דארטן. זי וועט נישט וויסן דיך צו שעצן, זי וועט נישט וויסן ווי אזוי אכט צו געבן אויף דיין כבוד, זי וועט זיך פון גארנישט שעמען, זי וועט זיין אזוי ווי דער פאטער איז געווען. און אויף דעם איז נישט דא קיין שיעור! לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו, אלעס זאלסטו אוועקגעבן, דו ווילסט האבן א רואיג לעבן, נעם א בת תלמיד חכם. א טאכטער וואס איז ערצויגן געווארן אין א שטוב פון תורה, איז איידל, זי האט שטענדיג צוגעזעהן איידלקייט ביי די עלטערן. זי האט געזעהן ווי אזוי טאטע מאמע האבן זיך געפירט תורה'דיג, ווי מען האט רעספעקטירט איינער דעם צווייטן, ווי אזוי מען האט מכבד געווען איינעם דעם צווייטן, ער האט איר מכבד געווען ווי א מלכה, און זי איז מכבד דעם מאן ווי א מלך, דאס האט זי געלערנט אין דעם שטוב. און פארדעם איז כדאי אוועקצוגעבן כל מה שיש לו. ווי איידער אוועקצוגעבן שפעטער פארן דאקטער, ווען מען

ווערט קראנק. דעם כל מה שיש לו, געב עס אוועק יעצט, דו זאלסט נישט קראנק ווערן. דו זאלסט האבן אזא שטוב, וואס וועט זיין דערין שטענדיג אהבה ואחוה ושלום ורעות.

*

**ב"ה,** דער חשוב'ער חתן, איך דארף אים נישט רומען, די חברים קענען אים, ער האט פלייסיג געלערנט כל ימיו. ער איז דאך נתגדל געווארן אין אזא חשובע שטוב פון רבי משה מרדכי, וואס איך דארף אים אויך נישט פארשטעלן דא. ער האט מערערע תלמידים וואס זענען נאנט מיט אים, ווייסן זיין מעלות אין תורה און זיין מידות טובות. און דער אייבערשטער האט געהאלפן דעם חתן, ער נעמט א ריכטיגע בת תלמיד חכם. א תלמיד חכם מופלג, א תלמיד חכם וואס איז מלא מיט תורה ויראת שמים. מכירו הייתי לשעבר, ווען ער האט נאך געוואוינט דאהי, בעפאר ער איז אוועקגעגאנגען אויף בארא פארק. אבער ועכשיו ביותר, די פאר טעג וואס מיר זענען געווען ביי די חתונה, צוגעזעהן זיין ערליכקייט, זיין ווארימקייט פאר תורה, זיך נישט אוועקרוקן פון די מסורה וואס ער האט פון זיינע אבות, פאר כל הון דעלמא. אין אזא שטוב איז נתחנך געווארן די כלה. דאס איז ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל, און עס איז דא צו האפן אז זיי וועלן אויפשטעלן אן ערליכע יודישע שטוב, א בית נאמן בישראל. וויל איך נאר ווינטשן פאר זיי, אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין, עס זאל זיין א בנין עדי עד.

**פאר** מיין חשוב'ן מחותן דער וויזשניצער רבי. איך האב אים שוין געזאגט, עס איז מיר אלץ אזא שמחה ווען מען קומט זיך צוזאם. זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען ווייטער מרביץ תורה זיין, און פירן די עדה על מי מנוחות, קענען מרבה זיין די גבולי קדושה, מיט נחת און הרחבת הדעת. פאר די צוויי מחותנים, פאר מיין חשוב'ן זון, און פארן חשוב'ן מחותן, מען זאל דאנקען דעם אייבערשטען, אז זיי האבן אויפגעשטעלט אזעלכע צוויי שיינע שטובער, אז מען האט געקענט טון אזא זיווג, וואס מען האט אויסגערופן פערציג טאג פאר יצירת הולד, בת פלוני לפלוני. זיי האבן זיך גארנישט געטוישט פון די יוגענט אן, נאר אלץ נתעלה געווארן ביידע אין ערליכע שטובער. וועלן זיי קענען אויפשטעלן א שטוב, וואס קומט ארויס פון א בת קול פונעם אייבערשטען וואס מאתו לא תצא רעות, וואס עס איז נאר דא אהבה ואחוה ושלום ורעות.

**דעם** גאנצן ציבור וויל איך ווינטשן, מען האלט דאך פאר א נייע יאר, דער אייבערשטער זאל געבן, אלע זאלן געבענטשט ווערן מיט א שנה טובה ומתוקה, א פרייליך יאר, און א לוסטיג יאר. אז מען איז זיך משמח מיט יענעמ'ס שמחה, העלפט דער אייבערשטער נאכדעם ביי די אייגענע שמחות, אלע דארף מיר דאך שידוכים, אלע דארף מיר דאך נחת ביי די קינדער, זאל דער באשעפער געבן, מען זאל קענען ערציען ערליכע יודישע דורות, און טון מיט זיי שיינע שידוכים. מיר אלע זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, כמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>יום שני פרשת כי תבוא</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

לפנות ערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר ***יעקב קליין*** הי"ו, עב"ג בת הרה"ג **רבי אברהם צבי פריעדמאן** שליט"א דומ"ץ גאלאנטא, שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **אפרים שטערן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר ***יהושע חיים*** **גאלדבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, והגיע לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר ***יעקב מייער*** ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של נכדו **הרב יחזקאל שרגא שליט"א**, שנערך על ידי המחותן **הגה"צ אבד"ק דראהביטש שליט"א** בבית מדרשו.

*

***<u>יום שלישי פרשת כי תבוא</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי, והשמיע דברי חיזוק והדרכה לאנשי שלומינו, בבית מדרשנו תפארת יהושע.

***וזה תוכן השיחה:***

**אונז** שטיי מיר אין חודש אלול, נאנט צו די הייליגע טעג. דער אייבערשטער האט אזוי צוגעפירט, איך בין דא אינדרויסן יעצט פאר א שמחה, האב איך געטראכט, איך זאל אויסנוצן די צייט, א פאר מינוט צוזאמען, אדורכשמועסן אביסל דעם ענין פון די הייליגע טעג וואס קומען אויף אונז, און ארויסברענגען די חשיבות פון דעם וואס מען קומט זיך צוזאם א חבורה אינאיינעם.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, ווען יעקב אבינו האט געהאלטן פאר זיין הסתלקות, און ער האט געוואלט מגלה זיין דעם קץ פאר די קינדער, איז נסתלק געווארן די שכינה. האט ער געזאגט, האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים (בראשית מט-א), קומטס ענק צוזאם, און איך וועל ענק פארציילן, וואס עס וועט פאסירן באחרית הימים.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז יעקב אבינו האט געקוקט אויף די אחרית הימים, ער האט געקוקט ביזן היינטיגן טאג, וואס וועט זיין פאר משיח וועט קומען. בקש יעקב לגלות את הקץ, האט ער דאך געמוזט קודם זעהן די אחרית הימים, ביז מען קומט צו, צו דעם קץ. און ער האט געזעהן וואס פארא נסיונות יודען וועלן האבן אין די אחרית הימים. דער גלות אמעריקא וואס מען וואוינט צווישן גוים, און געמיינע גוים, א וועלט וואס איז אפען צו אלעם, און מען דארף זיך דראפען אויף יודישקייט. וואס איז די עצה, אז מען זאל נישט ווערן אפגעקילט פון עבודת ה' אין דעם אחרית הימים? אויף דעם איז נישט דא נאר איין עצה, האספו, מען דארף זיך צוזאמנעמען. מען דארף זיין אינאיינעם, מען דארף האבן א גוטע חבורה צוזאמען, איש לרעהו יאמר חזק, יעדער גיט חיזוק איינער פארן צווייטן. עס איז נישט נאר ווייל מען זאגט פארן חבר מוסר וכדומה, און מען איז אים מעורר, נאר **דער עצם דבר וואס ער ווייסט אז ער איז אין א חבורה פון אנדערע, איז יעדער איינער משפיע מיט זיין דאווענען, מיט זיין לערנען, מיט זיין הנהגה, איז דא אן השפעה וואס ער גיט איבער פארן צווייטן. מען קומט אריין אין בית המדרש, און מען דאווענט ערליך, איז עס משפיע אז דער צווייטער זאל דאווענען, אפילו מען זאגט גארנישט. מען קומט אריין אין בית המדרש, און מען הערט א קול תורה אז מען לערנט, איז עס משפיע אז מען זאל לערנען.**

**האט** יעקב אבינו געזאגט, עס וועט קומען אחרית הימים, עס וועט זיין אשר יקרא אתכם, די אחרית הימים וועט ענק קאלט מאכן, וואס איז די עצה דערויף? האספו, נעמטס ענק צוזאם, ואגידה, א לשון פון איגוד, דאס וועט זיין אשר יקרא אתכם, דאס וועט ענק העלפן, באחרית הימים. - עס איז בעצם זייער חשוב דאס וואס מען קומט זיך צוזאם, סיי ווען מען רעדט דברי תורה, און סיי ווען מען איז אין א חבורה צוזאמען, וואס איינער פארן צווייטן גיט אסאך צו, אין זיין ערליכקייט און זיין יודישקייט.

*

**אין** די תורה הק' די וואך, האט משה רבינו געזאגט משנה תורה, ער האט געזאגט מוסר פאר יודען, עס איז דא אזעלכע פסוקים אסאך מאל, וואס עס איז אזוי טייער דאס איבערצולייענען. נאך די פרשה פון ביכורים, האט משה רבינו געזאגט פיר פסוקים, וואס יעדער פסוק פאר זיך איז א אבן טובה. היום הזה ה' אלקיך מצוך לעשות את החוקים האלה ואת המשפטים, דער אייבערשטער טוט דיך היינט מצווה זיין צו טון די חוקים, ושמרת ועשית אותם בכל לבבך ובכל נפשך, דו זאלסט עס אפהיטן, און טון, מיטן גאנצן הארץ. את ה' האמרת היום, דו האסט היינט אויסגעקליבן דעם אייבערשטען, להיות לך לאלקים, צו זיין פאר אונז פאר א גאט, וללכת בדרכיו ולשמור חקיו ומצותיו ומשפטיו ולשמוע בקולו. וה' האמירך היום, און דער אייבערשטער האט דיך אויך אויסגעקליבן, פון אלע פעלקער האט ער אונז אויסגעקליבן, להיות לו לעם סגולה כאשר דבר לך ולשמור כל מצותיו. ולתתך עליון על כל הגוים, ולהיותך עם קדוש לה' אלקיך כאשר דבר (דברים כו-טז), אונז האב מיר אויסגעקליבן דעם אייבערשטען, און דער אייבערשטער האט אונז אויסגעקליבן, מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ. מען דארף דאס אליין צו שעצן, און וויסן די חשיבות, דער אייבערשטער האט אונז אויסגעקליבן מכל העמים, דאס אליין דארף געבן חיזוק פאר א יוד אין טאג טעגליכן לעבן, מיר זענען קינדער פונעם אייבערשטען! דער באשעפער האט איבערגעלאזט אלע אומות, און ער

האט אונז אויסגעקליבן! ווי חשוב דארף זיין ביי יעדן יוד זיין עבודת ה' וואס ער קען דינען דעם אייבערשטען.

**דער** פסוק הייבט אן, היום הזה ה' אלקיך מצוך לעשות את החוקים האלה, היינט איז דיך דער אייבערשטער מצווה די אלע מצות. רש"י טייטשט דערויף, בכל יום יהיו בעיניך כחדשים, יעדן טאג זאל זיין ביי דיר די תורה ניי, כאילו בו ביום נצטווית עליהם, כאילו היינט האט מען דיר געגעבן די תורה. משה רבינו רעדט דא פערציג יאר נאך מתן תורה, און ער זאגט, היום הזה, היינט איז דער אייבערשטער דיך מצווה, לעשות את החוקים האלה. יעדן טאג דארף זיין ביי א יוד, אזוי ווי 'היום', כאילו היינט איז ער נצטווה געווארן.

**וואס** אין פשטות איז דער טייטש, יעדע מצוה וואס א יוד טוט די ערשטע מאל, טוט ער עס מיט א געוואלדיגע שמחה, ער האט די זכיה שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה. יעדע מצוה אפילו עס קומט נאר מזמן לזמן, עס קומט נאר איין מאל אין יאר, איז א געוואלדיגע שמחה. א ראש השנה, א סוכות, א לולב, א שופר, און אזוי ווייטער. אבער נאכדעם מיט די צייט קילט זיך עס אפ. די ערשטע מאל וואס מען לייגט תפילין, איז עס מיט א ברען, די צווייטע טאג שוין אביסל וויניגער, די דריטע טאג נאך וויניגער, נאכדעם ווערט עס אסאך מאל כמצות אנשים מלומדה. די חשיבות פון תורה ומצוות איז, אז א יוד דארף עס טון שטענדיג מיט אזא שמחה, כאילו היום נצטווית בו, כאילו היינט איז די ערשטע מאל וואס איך בין נצטווה געווארן צו טון די מצוה. ער גייט מארגן צופרי דאווענען שחרית, כאילו עס איז די ערשטע מאל וואס ער גייט דאווענען שחרית, וואס ער וואלט עס געטון מיט א געוואלדיגע שמחה.

**דער ישמח משה** (בפתיחה לפרשת בראשית) **ברענגט** צו א מדרש (ויק"ר ח-ג) אויף אהרן הכהן, אז ער האט מקריב געווען יעדן טאג א מנחת חביתין, האלב צופרי און האלב בין הערבים. און די מנחת חביתין וואס ער האט מקריב געווען איז געווען חביב, אזוי ווי די קרבנות וואס די נשיאים האבן געברענגט. ווייל ביי די קרבנות הנשיאים שטייט (במדבר ז-יז) 'זה' קרבן נחשון בן עמינדב, און דא שטייט (ויקרא ו-יג) 'זה' קרבן אהרן, עס איז געווען אייניג חביב ביים אייבערשטען. וואס מיינט עס צו זאגן אז עס איז געווען חביב ביים אייבערשטען דער קרבן פון אהרן, אזוי ווי די קרבן פון די נשיאים? איז ער מסביר און ער זאגט, די נשיאים, וואס זיי האבן געברענגט זייער קרבן ווען מען האט אויפגעשטעלט א משכן, מען גייט מחנך זיין דעם משכן, מען גייט ברענגען די קרבנות פונעם משכן, די ערשטע מאל וואס מען גייט מקריב זיין קרבנות אין בית ה'. מען קען זיך נישט פארשטעלן די געוואלדיגע שמחה וואס די נשיאים האבן געהאט, אז זיי גייען מחנך זיין היינט דעם בית ה', מיט די קרבנות וואס זיי ברענגען. אבער דאס איז נאר געווען אן איינמאליגע זאך, און אן איינמאליגע זאך, טוט מען טאקע מיט א געוואלדיגע שמחה.

**אהרן** הכהן האט מקריב געווען זיין מנחת חביתין יעדן טאג. און נישט נאר איין מאל יעדן טאג, נאר צוויי מאל יעדן טאג. און עס איז געווען פערציג יאר, וואס ער האט עס מקריב געווען. פון אנהייב דעם מדבר, ביז צום לעצטן יאר אינעם מדבר. און יעדן טאג ווען ער האט מקריב געווען זיין קרבן, איז עס געווען ביי אים כאילו ער איז מקריב זיין קרבן דעם ערשטען מאל! מיט אזא געוואלדיגע שמחה איז ער צוגעגאנגען מקריב צו זיין זיין קרבן, אזוי ווי עס וואלט געווען דאס ערשטע מאל. איז עס געווען דומה אזוי ווי די קרבנות פון די נשיאים. דער קרבן פון די נשיאים איז געווען מיט א געוואלדיגע שמחה, אבער עס איז נאר געווען איין מאל. אהרן הכהן'ס הקרבה איז געווען טאג טעגליך, אבער עס איז געווען חביב פארן אייבערשטען, פונקט ווי די קרבן פון די נשיאים. ווייל אהרן הכהן האט יעדן טאג מקריב געווען זיין קרבן מיט דעם זעלבן חשק און די זעלבע שמחה, ווי עס וואלט געווען דאס ערשטע מאל.

**און** אזוי דארף צו זיין עבודת ה', אזוי ווי מען געפונט די וואך אין די פרשה (דברים כח-מז), תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל. עבודת ה' דארף זיין מיט א שמחה. עס איז נישט קיין עול וואס מען האט ארויפגעלייגט, אונז צו צווינגען צו טון. עס איז א שמחה אז אונז קען מיר טון מצות ומעשים טובים פארן אייבערשטען. איז דער קרבן פון אהרן הכהן, כאטש עס איז געווען א טאג טעגליכער קרבן, איז עס געווען אזוי ווי דער קרבן פון די נשיאים.

**און** מען טייטשט מיט דעם, דאס וואס עס שטייט ביי די הדלקת המנורה פון אהרן הכהן, בהעלותך את הנרות, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, ויעש כן אהרן (במדבר ח-ב), זאגט רש"י, מגיד שבחו של אהרן שלא שינה. ער דארף פארציילען אז אהרן הכהן האט נישט משנה געווען ווען ער האט אנגעצינדן די מנורה?! שטייט אין **רמב"ן**, אז אהרן הכהן האט אליינס אנגעצינדן די מנורה יעדן טאג אינעם משכן, כאטש עס איז נישט געווען קיין מצוה אז דוקא אהרן דארף עס אנצינדן, אפילו א כהן הדיוט, אפילו א זר, איז די הלכה אז ער איז כשר פאר הדלקת המנורה. אבער דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אהרן, 'בהעלותך', ווען דו וועסט אנצינדן. ויעש כן אהרן, ער האט קיינמאל נישט געטוישט, די גאנצע צייט האט ער אנגעצינדן די מנורה.

**וועט** מען דאך זאגן, מילא די ערשטע מאל ווען ער האט אנגעצינדן די מנורה, האט ער עס אנגעצינדן מיט א געוואלדיגען חשק, אבער א וואך שפעטער, א חודש שפעטער, איז עס נישט געווען די זעלבע. מגיד שבחו של אהרן שלא שינה, עס האט זיך נישט געטוישט ביי אים, אהרן הכהן מיט זיין עבודת ה' האט זיך נישט געטוישט! ער טוט יעדן טאג די זעלבע מצוה, אבער ער טוט עס מיט דעם זעלבען חשק, און די זעלבע שמחה אזוי ווי ער וואלט עס געטון דאס ערשטע מאל. - און דאס איז וואס די תורה זאגט אונז, אזוי דארף זיין עבודת ה'. היום הזה ה' אלקיך מצוך לעשות, יעדע מצוה וואס דו טוסט, זאלסטו אלץ טראכטן, בכל יום יהיו בעיניך כחדשים, כאילו איך טו יעצט א נייע מצוה, כאילו בו ביום נצטווית עליהם.

*

**אבער** עס קען זיין עס ליגט דערין נאך א טיפערע כוונה, וואס דאס מיינט היום הזה ה' אלקיך מצוך לעשות, היינט איז דיך דער אייבערשטער מצווה צו טון די מצות. און עס זאל זיין ביי דיר כחדשים, עס זאל זיין ביי דיר אזוי ווי ניי. וואס מיינט עס, אז עס זאל זיין אזוי ווי ניי.

**מען** האלט דאך חודש אלול, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א חודש, א געוואלדיגע מתנה, אז א יוד קען סוף פונעם יאר, מתקן זיין דעם גאנצען יאר וואס איז אדורכגעגאנגען. אלול איז די ראשי תיבות א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י (שיר ו-ג). ווי אזוי דער יאר איז געווען, איז געווען, עס איז שוין אדורכגעגאנגען, מען קען שוין נישט צוריק דרייען, וואס ער האט יא געטון, אדער וואס ער האט נישט געטון. אבער ער האט א געלעגענהייט פאר דער יאר ענדיגט זיך, ער זאל קענען ענדיגן דעם יאר, אויף א ריכטיגן וועג. דאס איז דער חודש פון אלול, עס איז א חודש וואס איז געגעבן געווארן פאר תיקן המעשים וואס איז געווען אין משך פונעם יאר. נותנים לבתולה י"ב חודש (כתובות נז.), שטייט אין **הפלא"ה**, חודש אלול ווערט אנגערופן מזל בתולה. עס איז נישט א חודש פון איין חודש, נאר עס איז א חודש פון י"ב חודש, א גאנץ יאר ליגט אין דעם חודש. פאר די בתולה, פאר די מזל פון אלול, גיט מען י"ב חודש, אז מען האט דעם כח מעלה צו זיין דעם גאנצען יאר.

**דער** אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, דער אייבערשטער האט געוואוסט אונזערע שוואכקייטן, אונז האב מיר א יצר הרע, אונז האב מיר א חומר, מען לעבט צווישן גוים, און מען פאלט אדורך. אויב עס וואלט נישט געווען קיין מעגליכקייט אז מען זאל קענען מתקן זיין די זאכען, וואלט א שאד געווען די גאנצע בריאה. כי לא יצדק לפניך כל חי (תהלים קמג-ב), עס איז נישט מעגליך אז א מענטש זאל נישט זינדיגן, כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא (קהלת ז-כ), יעדער מענטש פאלט אדורך. דער אייבערשטער האט אונז אבער אויך מיטגעגעבן מיט די אלע תרי"ג מצוות, די מעדיצין דערויף, די מצוה פון תשובה. ווען מען וויל, קען א מענטש טוישן זיין מהלך פון וואס ער איז געווען. ווען ער האט א גוטע מחשבה, און א גוטע כוונה, ער האט חרטה אויף וואס ער האט געטון, ער איז מקבל אז ער גייט עס מער נישט טון, קען ער מתקן זיין אלעס וואס איז אדורכגעגאנגען פון פריער.

**מען** געפונט ביי משה רבינו, בשעת ער איז ארויפגעגאנגען מקבל זיין די תורה, און די מלאכים האבן געפרעגט, מה לילוד אשה בינינו, ווי קומט אהער א ילוד אשה, מען גייט געבן די תורה פאר א בשר ודם? א ילוד אשה קען נישט האלטן די תורה. פאר מלאכים קען מען עס געבן, אבער נישט פאר א ילוד אשה. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, החזיר להם תשובה (שבת פח:). שטייט

אין **של"ה הק'** (מסכת שבועות תורה אור קטז), **ענפער זי',** איך האב אויך געגעבן א מצוה פון תשובה! ער וועט אדורכפאלען, עס איז נישט קיין פראבלעם, מען קען תשובה טון נאכדעם. און אז מען טוט נאכדעם תשובה, ווערט נמחק אלעס וואס איז געווען פאר דעם. דאס איז דער חודש פון אלול וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, אז יעדער יוד זאל קענען חוזר זיין בתשובה אויף וואס איז געווען.

**אבער** אסאך מאל ווערט א מענטש צובראכן. עס איז אדורכגעגאנגען א גאנץ יאר, און ער ווייסט ווי אזוי ער האט זיך אויפגעפירט, און ער האט שוין פאריאר אזוי געזאגט, און פאר צוויי יאר צוריק, און דריי יאר, ער גייט זיך פארבעסערן די מעשים, און ער איז אלץ פארנומען מיט די עבר וואס איז אדורכגעגאנגען, וחטאתי נגדי תמיד (תהלים נא-ה), אבער נישט אויפן ריכטיגן וועג. וחטאתי נגדי תמיד דארף זיין, אז א מענטש האט זיין חטא, און ער גייט ווייטער, ער טוט תשובה דערמיט. אסאך מאל נעמט דער יצר הרע, און ער ברענגט אים די חטאים וואס ער האט געזינדיגט, דו ביסט שוין פארפאלען, עס איז שוין דערנאך, פון דיר וועט שוין קיין מענטש נישט ווערן, יעצט וועסטו אנהייבן, אויף די עלטער וועסטו אנהייבן זיך צו טוישן דיין מהלך החיים, עס גייט נישט. און ער ברענגט אים ארויס דעם וחטאתי נגדי תמיד, כדי אים אפצוקילן, און אפצושוואכן, ער זאל נישט גיין ווייטער.

**וועגן** דעם שטייט אין **רמב"ם** (הל' תשובה ב-ד), אז א בעל תשובה דארף זיך טוישן זיין נאמען. איך בין נישט דער זעלבער מענטש וואס איז געווען פריער. א בעל תשובה ווערט כבריה חדשה, ווי א נייער מענטש. ווען א יוד טוט תשובה, איך האב גארנישט צו טון מיט מיין עבר, כאילו לא היה, עס איז אדורכגעגאנגען. איך בין נישט דער זעלבער מענטש, איך בין נישט דער זעלבער בריה וואס איז געווען פון פריער, איך הייב אן יעצט פון ניי, היינט בין איך געבוירען געווארן, היינט הייב איך אן צו דינען דעם אייבערשטען. דאס גיט אים א חיזוק. ווייל אויב ער וואלט געווען פארנומען אלץ מיט זיין עבר, מיט זיין היסטארי"ע וואס ער איז אדורכגעגאנגען פון פריער, וואלט ער זיך נישט געקענט צוזאמקלויבן ער זאל זיך קענען אויפהייבן און זיך טוישן. ער וואלט אלץ געדענקט, אוי, וואס האב איך געטון פאריאר, וואס האב איך געטון פאר צוויי יאר, ווי אזוי איז מיין יוגענט אדורכגעגאנגען. אבער דאס אז א מענטש האט א כח אז ער קען אנהייבן צו ווערן כבריה חדשה, איך האב נישט מיט דעם וואס איז געווען פאר דעם, איך הייב אן פון ניי, דאס גיט די מעגליכקייט אז א מענטש זאל קענען מתקן זיין אלע מצות וואס ער האט פארפעלט.

**און** דאס ליגט אויך אינעם כלל פון היום הזה ה' אלקיך מצוך לעשות, אז בכל יום יהיו בעיניך כחדשים. היום הזה, כאילו איך בין נישט געווען מצווה מיט מצות ביז היינט, היום הזה ה' אלקיך מצוך לעשות, היינט האט מיר דער אייבערשטער מצווה געווען, פון היינט און ווייטער גיי איך פירן אן אנדער לעבן. וואס איז געווען נעכטן איז נישט נוגע יעצט, יום כיפור וועט מען תשובה טוהן דערויף, חרטה האבן על העבר וכדומה. אבער ער דארף אנהייבן שטענדיג מיט א פרישן חיות, און א פרישע חשקות, כאילו ער איז היינט געבוירען געווארן. היינט האט זיך אנגעהויבן ביי אים דאס ערשטע מאל וואס ער דינט דעם אייבערשטען.

**היום** הזה ה' אלקיך מצוך לעשות את החוקים האלה, לעשות געפונט מען אסאך מאל אז עס איז א לשון תיקון. ועשתה את צפרניה (דברים כא-יב). היום הזה, ווען עס קומט לעשות את החוקים ואת המשפטים, ווען דו דארפסט מתקן זיין אלעס וואס איז אדורכגעגאנגען אין דיין עבר, היום הזה, טו עס באטראכטן, בכל יום ויום זאל עס זיין ביי דיר כחדשים. וואס פאר א טאג דו דערמאנסט זיך אז די גייסט תשובה טון, זאלסטו וויסן אז עס איז חדשים, עס איז ניי, מען זאל נישט זיין פארנומען מיט וואס עס איז געווען פאר דעם.

**אין** א טאג וואס מען טוט תשובה, איז דער טאג נישט נאר א טאג פון איין טאג, עס איז א טאג פון חדשים, ווייל ער קען אין דעם איינעם טאג מתקן זיין אסאך חדשים וואס ער האט נישט געטון וואס מען דארף, אלעס איז ער מעלה אין דעם טאג. היום הזה ה' אלקיך מצוך לעשות, בכל יום ויום יהיו בעיניך כחדשים, זאלסט וויסן אז דער טאג פון תשובה איז נישט א טאג פון א איינצעלנע טאג, היינט האב איך תשובה געטון. נאר דאס איז א טאג וואס א מענטש האט א כח אין דעם, חדשים, ער קען צוזאמנעמען

אלע חדשים פונעם יאר וואס איז אדורכגעגאנגען, און עס מתקן זיין.

**מען** האט גערעדט דעם שבת, אז אין הייליגע ספרים שטייט, אז ובכתה את אביה ואת אמה 'ירח ימים' (דברים כא-יג), גייט ארויף אויף חודש אלול. כי תצא למלחמה על אויביך, א מענטש קומט אראפ אויף די וועלט, האט ער דעם יצר הרע משננער לצאת (ב"ר לד-י), און ער דארף זיך קריגן מיטן יצר הרע, ער האט א שטענדיגע מלחמה. כי תצא למלחמה על אויביך (דברים כא-י), שטייט אין הייליגע ספרים, תיכף ווען ער קומט אויף די וועלט, גייט ער ארויס צו א מלחמה. און די תורה בארואיגט אים, ונתנו ה' אלקיך בידך, זיי נישט דערשראקן פון די מלחמה, דער אייבערשטער וועט אים איבערגעבן אין דיין האנט.

**ווען** דער מענטש זעהט שפעטער אז זיין נשמה, וואס דאס איז דער אשת יפת תואר, איז בשביה, עס איז אין געפענגעניש. זאגט די תורה וחשקת בה, האסט נאך אן עצה, דו קענסט חושק זיין, ולקחת לך לאשה, קענסט מתקן זיין אלעס וואס איז געווען פון פריער. ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים, זאגט דער זוהר הק' (זוהר חדש תצא נח:), אז עס גייט ארויף אויפן חודש אלול. און נאכדעם תבוא אליה ובעלתה, וועסטו קענען צוריק נעמען די נשמה וואס דו האסט פארלוירן.

**ער** רופט אן דעם חודש, ירח ימים. ווייל מען געפונט אז א יאר ווערט אויך אנגערופן ימים, ימים תהיה גאולתו (ויקרא כה-כט). חודש אלול איז א חודש נישט פון דרייסיג טעג, דאס איז א חודש פון א גאנץ יאר. ווייל אין דעם חודש קען מען מתקן זיין די גאנצע יאר וואס איז אדורכגעגאנגען. ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים, דעם חודש וואס איז געגעבן געווארן סוף פונעם יאר, וואס דאס קען מעלה זיין דעם גאנצן יאר צוזאמען, דאס איז די צייט וואס א יוד דארף זיך נעמען אין די הענט אריין, מאכן זיך א שטיקל חשבון הנפש ווי ער האלט, און זעהן ווי אזוי ער קען מתקן זיין דעם עבר, און צוריק גיין אנצוהייבן א נייעם לעבן פון ווייטער. דער עיקר פון תשובה איז נישט די חרטה על העבר, יעדער מענטש האט חרטה, ער האט גארנישט פון די נעכטיגע עבירה, נאר די ווייטאג וואס ער האט, אז ער איז אדורכגעפאלן. דער עיקר פון תשובה איז, אנהייבן פון ניי! מרבה זיין בעשה טוב! נישט זיין פארנומען מיטן רעה, נאר מער צוגעבן אין לערנען און דאווענען און טון מצוות ומעשים טובים!

**אין** הייליגע ספרים שטייט, סור מרע ועשה טוב (תהלים לד-טו). די וועלט טייטשט, סור מרע, מען דארף אוועקגיין פון שלעכטס, ועשה טוב, און טון גוטס. סור מרע, פארגעס פונעם רעה, לאז דיך אפ פונעם רעה, זיי נישט ביז"י מיט דעם רעה וואס איז געווען, נאר ועשה טוב, לייג דיך אריין אין טון טוב, מרבה זיין אין מצות ומעשים טובים, וואס דאס איז דער עיקר פון די תשובה. און דאס איז דער היום הזה ה' אלקיך מצוך לעשות, אנהייבן אלעס פון היום הזה, פונעם היינטיגן טאג.

*

**דער** הייליגער **חתם סופר** זאגט אויפן פסוק היום הזה ה' אלקיך מצוך לעשות, אז עס שטייט אין סוף פון די פרשה (דברים כט-ג), משה רבינו האט געזאגט, ולא נתן ה' לכם לב לדעת, ועינים לראות, ואזנים לשמוע, עד היום הזה. טייטשט רש"י, שאין אדם עומד על סוף דעתו של רבו וחכמת משנתו, עד ארבעים שנה, ווען א מענטש האט געלערנט עפעס ביי זיין רבי'ן, ביז פערציג יאר שפעטער, איז ער נישט עומד על דעת רבו. ולפיכך לא הקפיד עליכם המקום עד היום הזה, וועגן דעם האט דער אייבערשטער נישט מקפיד געווען אויף יודען ביז דעם היינטיגן טאג, ווייל עס איז נאך נישט אדורך פערציג יאר, פון ווען מען האט מקבל געווען די תורה, אז מען זאל זיין א עומד על דעת רבו. אבער מכאן ואילך יקפיד, פון יעצט וועט דער אייבערשטער מקפיד זיין.

**עס** איז א געוואלדיגער מוסר פאר זיך אליין. אסאך מאל הערט מען מוסר, און מען שפירט אז עס האט נישט אויפגעטון קיין רושם אויף אים. עס איז כאילו ער האט געהערט, אבער עס איז אדורכגעגאנגען. עס איז אבער דא זאכן וואס א מענטש ווערט נתעורר יארן שפעטער, פון א זאך וואס ער האט געהערט אמאל אין דער יוגענט, וואס ער האט געלערנט ביי זיין רבי'ן, וואס ער האט מקבל געווען, ער האט דעמאלטס נישט יורד געווען לעומקה של דברים, צו פארשטיין פונקטליך וואס מען האט געמיינט, און וואס מען האט געוואלט, דער דעת

פונעם מענטש איז דאך נאך נישט געווען גענוג רייף. שפעטער ווען מען קומט אויף די עלטער, און מען הייבט אן צוריק צו טראכטן, עס איז דא אסאך זאכן וואס טוט נתעורר ווערן פון וואס ער האט געהערט פון פריער. משה רבינו האט געזאגט, ביז יעצט האט עטץ נישט פארשטאנען וואס איך האב מיט ענק געלערנט, ולא נתן ה' לכם לב לדעת, עד היום הזה.

**זאגט** דער הייליגער חתם סופר, אז קען זיין אז וועגן דעם האט דער אייבערשטער געהייסן פאר משה רבינו לערנען משנה תורה אין די פערציגסטע יאר. ווייל די ערשטע תורה וואס מען האט מקבל געווען פון משה רבינו, איז נאך נישט געווען מיטן פולען שכל. מען איז דאך נישט מקבל, ביז פערציג יאר שפעטער פארשטייט מען דאך נישט. יעצט איז אדורך פערציג יאר, יעצט איז דאך זייער שכל צוגעקומען צום שלימות, האט דער אייבערשטער געוואלט, אז זיי זאלן נאכאמאל הערן די גאנצע תורה פון משה רבינו ביי די פערציג יאר, כדי זיי זאלן קענען יעצט מקבל זיין די גאנצע תורה מיט א שלימות'דיגע בליק, אזוי ווי זיי פארשטייען עס יעצט.

**אביסל** מער צוצולייגן. ווען מען זאגט, אז אין אדם עומד על דעת רבו עד ארבעים שנה, איז נישט דער פשט, אז ניין און דרייסיג יאר ווייסט ער נישט, און דעם טאג וואס עס ווערט פערציג יאר, דעמאלטס פארשטייט ער. עס קומט פלוצלינג, עס עפענט זיך דער קאפ, און ער פארשטייט וואס ער האט מקבל געווען. ווען מען זאגט בן ארבעים שנה לבינה, איז דער טייטש, אז ביז ניין און דרייסיג יאר איז ער א נאר, און ביי די פערציג יאר דעמאלטס באקומט ער זיין שכל? פשט איז נישט אזוי. דער פשט איז, יעדן טאג וואקסט א מענטש פון וואס ער איז געווען פון פריער. און ער וואקסט נאך און נאך און נאך, ביז ער קומט צו, ביי די צוואנציג איז ער אביסל קלוג, ביי די פינף און צוואנציג ווערט ער נאך קלוגער, דרייסיג נאך מער. בן ארבעים לבינה איז דער טייטש, אז ביי די פערציג, איז אים אויסגעשארפט געווארן זיין שכל, ער איז צוגעקומען צו די ריכטיגע בינה.

**די** זעלבע איז ווען מען זאגט אין אדם עומד על דעת רבו עד ארבעים שנה, איז נישט דער פשט, אז די פערציגסטע יאר האבן זיי אלעס פארשטאנען, נאר פון יאר צו יאר האבן זיי פארשטאנען אלץ מער און מער, און ווען עס איז געקומען די ארבעים שנה, יעצט האבן זיי משיג געווען ביז צום סוף, דעם דעת פון משה רבינו.

**זאגט** דער חתם סופר, דער אייבערשטער האט געוואלט אז יודען זאלן מקבל זיין די תורה פון משה רבינו, ווען זיי זענען אין אזא מדריגה, אז זיי קענען אלעס פארשטיין. ווייל ביז א מענטש פארשטייט נישט אלעס, זענען זיינע מצות ומעשים טובים אזוי ווי מצוות אנשים מלומדה, ער פארשטייט נאכנישט פונקטליך פארוואס ער טוט עס. ווען ער פארשטייט די טיפקייט דערפון עד סופו, דעמאלטס איז ער מקיים די מצוות ווי עס דארף צו זיין. וועגן דעם האט משה רבינו געזאגט, היום הזה ה' אלקיך מצוך לעשות את החוקים האלה, היינט איז אדורכגעגאנגען די פערציג יאר, יעצט הייבט עטץ אן צו פארשטיין די אלע חוקים ומשפטים וואס איך האב ענק מצווה געווען פון פריער.

**און** קען זיין דאס איז דער ענין, וואס יעדעס יאר איז דא א פרישע התעוררות ביי א מענטש, ווען עס קומט חודש אלול, די הייליגע טעג, זמנים פון תשובה, זיך צוריק צוקערן צום אייבערשטען. כאטש עס ווערט גארנישט נתחדש פארן מענטש א זאך וואס ער האט נישט געוואוסט אין מיטן יאר, אז יעצט זאל זיך עס טוישן. עס איז דאך נישט נאר די פחד פון יום הדין, וואס דארף ברענגען אז מען זאל תשובה טון. נאר יעדעס יאר קומט א מענטש צו, צו א העכערע השגה פון וואס ער האט געהאט מיט א יאר פריער. ווייל די בינה פונעם מענטש, וואקסט פון יאר צו יאר. וואס ער האט פארשטאנען היי יאר, האט ער נישט פארשטאנען פאריאר. וואס ער האט פארשטאנען פאריאר, האט ער נישט פארשטאנען פאר צוויי יאר. ווייל די בינה פונעם מענטש וואקסט פון יאר צו יאר, און פון טאג צו טאג ווערט ער נאך קלוגער, נאך מער אויסגעשארפט. אזוי ווי מען זאגט אין אדם עומד על דעת רבו עד ארבעים שנה, די זעלבע זאך, אפילו אויב עס ווערט אים גארנישט נתחדש ווען ער דאווענט די הייליגע טעג, און עס קומט נישט צו קיין פרישע ידיעות. די עצם דבר אליין, די זעלבע זאך וואס דו האסט געטראכט מיט א יאר צוריק, ווען דו טראכסט עס היינט, טראכסטו עס אנדערש. ווייל דער שכל פונעם מענטש איז נשתנה געווארן, און עס ווערט דערהויבן.

**וועגן** דעם האט דער אייבערשטער געגעבן, אז יעדעס יאר איז דא א חודש אלול מיט עשרת ימי תשובה, זיך צוריק צו קערן צום אייבערשטען. און מען הייסט נישט פאר א מענטש צו טון ספעציעלע זאכן, אז דאס יאר זאל ער מער תשובה טון ווי א יאר פריער. די זעלבע זאך וואס דו האסט געטון פאריאר, און דו טראכסט דערפון היינט, טראכסטו עס אנדערש. ווייל דער שכל פונעם מענטש ווערט נתרבה פון יאר צו יאר, און אויף דעם האט דער אייבערשטער אונז געגעבן די טעג פון אלול און עשרת ימי תשובה, זיך צוריק צו קערן צום אייבערשטען.

*

**רש"י** זאגט אויף היום הזה ה' אלקיך מצוך לעשות, אז דאס גייט ארויף אויף די פריערדיגע פרשה פון ווידוי. ער האט געברענגט ביכורים, און געזאגט דערויף ווידוי מעשר. און בת קול מברכתו, דער בת קול האט אים געבענטשט, הבאת ביכורים היום, דו האסט היינט געברענגט ביכורים, תשנה לשנה הבאה, איבער א יאר זאלסטו נאכאמאל קענען ברענגען ביכורים. אין דעם חומש איז געשריבן א גירסא, תזכה לשנה הבאה, זאלסט זוכה זיין לשנה הבאה. אין אנדערע חומשים שטייט, תשנה לשנה הבאה.

**דער** כהן האט אים געזאגט, דו ברענגסט יעצט ביכורים, און דו גייסט ברענגען ביכורים אין א יאר ארום, און אין צווי יאר ארום. נישט די זעלבע ביכורים וואס דו ברענגסט היי יאר, וועסטו ברענגען קומענדיגען יאר. דאס יאר געבסטו א הודאה פארן אייבערשטען, אז דער באשעפער האט דיר געגעבן א פעלד, און דו ברענגסט ביכורים. דו זאלסט וויסן, אז די הודאה וואס דו וועסט געבן אין א יאר ארום, וועט זיין אסאך א העכערע מדריגה, און א טיפערע הודאה, פון וואס דו געבסט יעצט. ווייל יעדעס יאר שטייגט דיין שכל, יעדעס יאר וואקסט דער מענטש, עס וועט נישט זיין, די זעלבע ביכורים וואס דו ברענגסט היינט, דאס וועסטו ברענגען איבער א יאר. די שיסל וועט זיין די זעלבע, די פירות וועלן זיין די זעלבע, אבער די הודאה וואס דו ברענגסט ביכורים, און דו דאנקסט דעם אייבערשטען, וואס מער א יאר עס גייט אדורך אויף א מענטש, פארשטייט ער מער צו דאנקען דעם אייבערשטען. אונז האב מיר געדאנקט דעם אייבערשטען פאראיאר, און פאר צוויי יאר, אויף אלע טובות וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אונז, ווייל א יוד דאנקט דעם אייבערשטען שטענדיג. אבער ווי עלטער ער ווערט, פארשטייט ער טיפער די הודאה! ער גיט אן אנדערע הודאה פארן אייבערשטען מיט א יאר שפעטער, ווי ער האט געגעבן מיט א יאר פריער!

**דער** בת קול האט אים געבענטשט, הבאת ביכורים היום, דו האסט געברענגט די ביכורים היינט, תשנה לשנה הבאה, די ביכורים איבער א יאר וועט זיין אן אנדערע סארט ביכורים, ווי דו האסט יעצט געברענגט. אויב א מענטש קומט נישט צו, ער וואקסט נישט מיט זיין שכל, דעמאלטס ברענגט ער די זעלבע ביכורים דעם קומענדיגן יאר. עס איז נאר 'תזכה', ווען ער איז זוכה, ברענגט ער אנדערע ביכורים. אבער בת קול מברכתו, ער האט אים אנגעוואונטשן, עס זאל נישט זיין די זעלבע. דער ראש השנה היי יאר קען נישט זיין די זעלבע ראש השנה ווי עס איז געווען פאריאר! און דער סוכות קען נישט זיין דער זעלבער סוכות וואס איז געווען פאריאר! ווייל וואס א יאר שפעטער, ווערט א מענטש אנדערש, ער באקומט אן אנדערן בליק, אויף דעם יאר וואס איז אדורכגעגאנגען.

*

**דער** אייבערשטער האט אונז געגעבן א ראש השנה, וואס מען זאגט היום הרת עולם, היום יעמיד במשפט כל יצורי עולמים. מען זאגט ראש השנה, אז דער טאג פון ראש השנה איז היום הרת עולם, היינט איז דער טאג וואס דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט. בריאת העולם האט זיך אנגעהויבן כ"ה אלול, דאס איז געווען די ערשטע טאג פון די בריאה. כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ, די זעקסטע טאג פון די בריאה איז אויסגעקומען ראש השנה, און דעמאלטס איז באשאפן געווארן אדם הראשון. אן אדם הראשון איז נישט דא קיין וועלט, עס איז נאר דוממים מיט בהמות מיט חיות. ראש השנה רופט מען אן היום הרת עולם, היינט ווען אדם הראשון איז באשאפן געווארן, היינט איז באשאפן געווארן די וועלט, היום יעמיד במשפט כל יצורי עולמים.

**אין ר"ן** (ראש השנה טז.) שטייט, אז דער אייבערשטער האט אויסגעקליבן דעם טאג דן צו זיין די וועלט, אין דעם טאג וואס אדם הראשון איז באשאפן געווארן.

ווייל אדם הראשון האט דאך געזינדיגט תיכף אין דעם זעלבן טאג וואס ער איז געבוירען געווארן, ער האט געגעסן פונעם עץ הדעת. אבער סוף פונעם טאג איז ער יצא בדימוס, דער באשעפער האט געזאגט, אז ער וועט שטארבען, און מען האט עס אויסגעצויגן, ער האט געלעבט שפעטער אלף שנה, יומו של הקב"ה (ב"ר ח-ב). איז ער דאך ארויסגעגאנגען מיט א שמחה פונעם יום הדין, האט דער אייבערשטער גענומען דעם טאג פון ראש השנה, אזוי ווי אדם הראשון האט געזינדיגט, און ער איז ארויסגעגאנגען בדימוס, וועלן זיינע קינדער אויך אזוי ארויסגיין.

**איך** האב געטראכט, מען זעהט ביי די בריאה וואס דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער עס באשאפן אין זעקס טעג, יעדן טאג האט ער באשאפן עפעס אנדערש. און אז מען איז זיך מתבונן זעהט מען, אז יעדן טאג איז געווען א דורכפאל, כביכול, אין וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אין די בריאה. מיר וועלן גיין צוביסלעך. דעם ערשטן טאג האט דער אייבערשטער באשאפן ליכטיגקייט. און ער האט געזעהן, אז עס איז נישט ראוי פאר די רשעים אז זיי זאלן נהנה זיין פונעם אור, עמד וגנזן לצדיקים, איז ער געגאנגען און ער האט עס באהאלטן פאר די צדיקים. קומט דאך אויס, אז ער האט באשאפן א זאך וואס טויג נישט, מען קען עס נישט נוצן, ער האט עס אוועקגעלייגט פאר די צדיקים. די ערשטע דורכפאל כביכול אין די בריאה.

**דעם** צווייטן טאג, האט דער באשעפער באשאפן די מים, און א רקיע וואס זאל מבדיל זיין בין מים למים. ער האט אפגעטיילט די אויבעריגע וואסער, פון די אונטערשטע וואסער. די אונטערשטע וואסער איז געקומען וויינען, אנן בעינן למהוי קמי מלכא (ב"ר ה-ד), אונז וויל מיר נישט זיין דא אונטען. יעצט דארף מען שוין פאררעכטן די בריאה, מען וועט איר צוזאגן, אז מען וועט פון איר געבן ניסוך המים, און על כל קרבנך תקריב מלח. מען האט געדארפט פארגלעטן, אז עס זאל נישט זיין קיין פראבלעם.

**דעם** דריטן טאג, האט דער אייבערשטער באשאפן אלע פירות, און דער באשעפער האט געזאגט, עס זאל זיין טעם עצו ופריו שווה. אבער עס איז נישט געווען טעם עצו ופריו שוה, דער עץ איז נישט געווען די זעלבע ווי די פירות.

**דעם** פערטן טאג, האט דער אייבערשטער באשאפן שני מאורות הגדולים, ער האט באשאפן א זון מיט א לבנה, ביידע זאלן קענען לייכטן. און די לבנה האט געזאגט, אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד (חולין ס:), מען קען נישט אזוי. האט דער אייבערשטער געזאגט, זי זאל ווערן קליין. די לבנה האט זיך באליידיגט, און מען האט איר געדארפט מפייס זיין. - דעם פינפטן טאג האט דער אייבערשטער באשאפן די פיש מיט די עופות. פיש האט ער באשאפן דעם לויתן, א זכר מיט א נקיבה. און ער האט געזעהן אז אויב זיי וועלן זיין פרה ורבה, וועט זיך נישט קענען האלטן די וועלט. האט ער גענומען די נקיבה, און ער האט עס גע'שחט'ן, און ער האט עס אוועקגעלייגט אויף לעולם הבא.

**דער** אייבערשטער האט באשאפן אדם הראשון, דעם נזר הבריאה, און א פאר שעה שפעטער האט ער פארדרייט די גאנצע בריאה, ער האט מערב געווען טוב ברע. כביכול דער אייבערשטער האט באשאפן א וועלט, און חכמתו של הקב"ה דארף מען דאך נישט אראפלייגן. און יעדן טאג איז געווען דורכפעלער. און דער פסוק ענדיגט דערויף, נאך בריאת שמים וארץ, דער אייבערשטער האט זיך אומגעקוקט אויף אלעס וואס ער האט געטון, והנה טוב מאד (בראשית א-לא), אלעס איז גוט, עס איז זייער פיין, אלעס איז געלונגען. עס איז גארנישט אזוי געלונגען, יעדן טאג איז געווען עפעס, אנדערש פון וואס עס האט געדארפט זיין. און דער אייבערשטער האט דאך געוואוסט די אלע זאכן, און דער אייבערשטער האט דאך געמאכט אז עס זאל אזוי זיין, און ער זאגט נאכדעם אז עס איז טוב מאוד, עס איז זייער גוט, מוז דאך ליגן דערין עפעס וואס דאס דארף אונז לערנען.

**דער** אייבערשטער האט אונז געוואלט ווייזן מיט דעם א ענין וואס איז נוגע פאר יעדן מענטש, סיי אין גשמיות, און סיי אין רוחניות. יעדער מענטש מאכט פלענער, ער גייט טון אזוי און אזוי, זה בכה וזה בכה. און טאמער דער פלאן האט זיך אים נישט אויסגעארבעט, ווערט ער צובראכן ביי זיך. ער האט געמאכט א פלאן, און עס האט זיך נישט אזוי אויסגעשטעלט. דא איז געקומען דאס, און דא איז געקומען א צווייטע זאך, און ער ווערט צובראכן. און אסאך מאל האט ער נישט די מוהט ער זאל אנהייבן

צו גיין ווייטער. איך האב דאך געטון, איך האב געהאט א פלאן, און עס איז אדורכגעפאלן.

**דער** אייבערשטער האט אונז געלערנט, אזוי איז די וועלט! די וועלט איז געמאכט געווארן, א מענטש האט דורכפעלער. און יא, איך אליין האב באשאפן די וועלט, און כביכול, איך האב אויך געהאט א דורכפאל. דאס איז די וועג פון די בריאה! און נאך אלעם זאג איך דיר, אז עס איז טוב מאוד, עס איז גוט! א מענטש קען האבן א דורכפאל, און עס איז גארנישט געשעהן. דו ביסט דורכגעפאלן וכדומה, מען קען אנהייבן פריש פון די א'. - דאס איז אין גשמיות.

**די** זעלבע איז אין רוחניות. דער אייבערשטער האט אונז געלערנט, א מענטש איז אראפגעקומען צו דינען דעם אייבערשטען. דו קענסט האבן דורכפעלער איינס נאך דאס אנדערע, אבער דאס זאגט נישט אז עס איז געשעהן א דורכפאל. עס איז נאך אלץ טוב מאוד, עס איז נאך גוט. סוף כל סוף קען מען מתקן זיין א דורכפאל, מען ווערט עס מתקן זיין אויף דעם וועג, אויף יענעם וועג, ווי אזוי דער אייבערשטער האט עס אויסגעשטעלט. מיט די גאנצע בריאה האט דער אייבערשטער אונז געלערנט, אז אפילו א מענטש טוט זאכן, און ער פאלט אדורך דערמיט, טאר ער נישט איבערלאזן, ער טאר נישט זיין צובראכן פון וואס עס איז געשעהן, ער דארף וויסן עס איז גוט! אז דער אייבערשטער האט אזוי געפירט, דארף אזוי צו זיין, און מען קען אנהייבן פון דאס ניי אויפצושטעלן ווייטער. דאס האט אונז געלערנט די בריאה וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אין די זעקס טעג.

**האט** דער אייבערשטער געמאכט דעם יום הדין א טאג פון תשובה, ראש השנה הייבט זיך אן די עשרת ימי תשובה. א מענטש זאל האבן די מוט צוצוגיין תשובה צו טון, און אנהייבן אלעס פון דער א'. דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט דעם טאג וואס ער האט געענדיגט די בריאה, היום הרת עולם, היינט האב איך געענדיגט די בריאה, קוק וואס איז געווען מיט מיין בריאה. איך האב באשאפן א וועלט, און עס איז געווען דורכפעלער אין יעדן טאג פון די בריאה, אבער די וועלט האט זיך נישט געענדיגט מיט דעם, די וועלט שטייט נאך היינט אויך, מען האט זיך אן עצה געגעבן דערמיט. היום יעמיד במשפט כל יצורי עולמים, דו האסט געהאט א דורכפאל, נעם דיר נישט צום הארץ. דו ביסט אדורכגעפאלן, קענסט אנהייבן פון פריש.

**דער** אייבערשטער האט דאך באשאפן די וועלט מיט די תורה, בי הציץ הקב"ה וברא עולמו (ב"ר א-א), דער אייבערשטער האט אריינגעקוקט אין די תורה, און מיט דעם האט ער באשאפן זיין וועלט. אז ביי די בריאה האט דער אייבערשטער געהאט א דורכפאל אין די בריאה, מוז דאך זיין אז אין די תורה איז אויך געווען א דורכפאל. ווייל די בריאה מוז דאך זיין אזוי ווי דער בלו-פרינט, אזוי ווי עס איז געווען אין די תורה. ביי תורה איז אויך אזוי, אין אדם עומד על דברי תורה אלא אם כן נכשל בה, אזוי איז תורה. אין תורה ווערט א מענטש נכשל, ער פלאגט זיך ביז ער פארשטייט. אנהייב פארשטייט ער נאך נישט געהעריג, און נאכדעם פארשטייט ער בעסער, און נאך בעסער, און אזוי ווייטער. אזוי האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט. און היום הרת עולם, היום יעמיד במשפט כל יצורי עולמים, דער באשעפער האט אונז געלערנט, אפילו מען האט א דורכפאל, דארף מען אנהייבן מיט א פרישער חיות.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מיר זאלן קענען אויסנוצן די טעג פון חודש אלול צו דינען דעם אייבערשטען. עס קומט אויס ווייניג איך זאל קענען זיין דא צוזאמען מיט די יונגעלייט אין מאנסי, אבער עיני ולבי זענען דא צוזאמען, און מען פרובירט אייביג וואס מען קען צוהעלפן, אז עס זאל קענען נתרחב ווערן די גבולי הקדושה. דער אייבערשטער זאל געבן, מען זאל קען ווייטער אויך זיין צוזאמען מיט א ערליכע חבורה, ווי מען האט פריער גערעדט, איינער איז משפיע אויפן צווייטן. עס איז א זכות הרבים פאר יעדן איינעם, אז ער קען משפיע זיין אויף אן אנדערן. אונז אלע זאל מיר געבענטשט ווערן מיט א גוט געבענטשט יאר, א כתיבה וחתימה טובה. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של נכדו **הרב יחזקאל שרגא שליט"א**, שנערך על ידי המחותן **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, בבית מדרשו במאנסי.

***יום רביעי פרשת כי תבוא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** ללעיקוואוד לבית הר"ר **חנני' יום טוב ליפא** (ב"ר הערשל) **שפיץ** הי"ו, וקיבל את קהל אנשי שלומינו למשך כמה שעות לקראת ימי הרחמים והרצון.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת ש"ב הרה"ג רבי **חיים יהודא פאללאק** שליט"א רב דקהל איגוד אברכים דגראסוואַרדיין סטעטן איילאנד (בן גיסו הגה"צ אבד"ק גראסווארדיין שליט"א), עב"ג בן הרה"ג רבי **נפתלי צבי וואקסמאן** שליט"א, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד מצוה טאנץ לפני הכלה, אחר כך רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת כי תבוא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אייזיק מעזעי** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לכתיבת האותיות בהספר תורה שנכתבה על ידי הר"ר **שלמה וועבער** הי"ו. **רבינו שליט"א** כתב אות בהספר תורה, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל האסיפת רבנים בענין גזירת החינוך במדינתנו, שהתקיים בבית **כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א**, בהשתתפות אדמור"י ורבני העיר.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לבית הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א, וקיבל את קהל אנשי שלומינו למשך כמה שעות לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***ערב שבת פרשת כי תבוא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **משה ארי'** נ"ו בן הר"ר **יואל ניימאן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הרה"ג רבי **בנימין געשטעטנער** ז"ל.

לפני זמן הדלקת הנרות חבש **רבינו שליט"א** את השטריימעל להחתן **שלמה הירש** נ"ו (הויז בחור).

*

***שבת קודש פרשת כי תבוא***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **יוסף יהושע אדלער** הי"ו, ולבת נולדה אצל הר"ר **יונה** (ב"ר ראובן) **לעפקאוויטש** הי"ו. כמו כן התקיים שמחת העליה לתורה של החתן **שלמה** נ"ו (הויז בחור) בן הר"ר **עמרם הירש** הי"ו. אחר התפלה התקיימה קידושא רבא לכבוד השמחות.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **מיכאל שטערן** הי"ו, חתן הר"ר **יהושע חיים גאלדבערגער** הי"ו.